# פרשת כי תשא ט"ז - כ"ב אדר תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **פנחס שמואל גאנדל** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **מאיר הלברשטאם** שליט"א רב דבית המדרש אהל רפאל (בן מחותנו הגה"צ רבי שמואל חיים הלברשטאם שליט"א מקשאנוב), עב"ג בת הרה"ג רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א, שהתקיים באולם שע"י בית המדרש וויזניץ (ראטלידזש סט.).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***יום שני פרשת כי תשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל אבעלעס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אהרן הערש פריעד** הי"ו, שישב שבעה על פטירת בנו הילד ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן קארן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של בן הרב **בנימין פאפלאנאש** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'), עב"ג בת הר"ר **שמואל דוד יהודא ווערטהיימער** הי"ו.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **נחמי' פייערווערקער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ראובן חיים ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שאול דרוממער** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל עצרת הספד על **הגה"צ רבי אליעזר אייכלער זצ"ל אב"ד באיאן ב"פ**, שהתקיים בבית המדרש באיאן, ככלות השנה לפטירתו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**עס** איז שווער צו רעדן, עס איז שוין אדורך א יאר פון ווען מען האט פארלוירן דעם אדם חשוב, דעם גאון און צדיק. דאס בית המדרש האט אים געקענט די בעסטע, איך פערזענליך איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אים, ווען מיר זענען געווען א פאר יאר זומער צוזאמען, וואס ער האט איבערגעלאזט אויף מיר א געוואלדיגען רושם. זיין ערליכקייט, זיין צדקות, זיין ענוה, זיין שפלות רוח, ווי אזוי ער האט זיך באנומען צו די בחורים, און צו יעדן איינעם. עס איז געווען א מוסטער וואס מען האט זיך געקענט לערנען דערפון.

**מען** געפונט ביי יעקב אבינו, בשעת ער האט געדארפט אוועקגיין פון עשו, און ער האט

איבערגעלאזט די שטוב פון יצחק, ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה (בראשית כח-י). רש"י ברענגט צו, מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם, עס האט זיך דערקענט דעם ויצא יעקב, עס האט איבערגעלאזט א רושם דאס וואס יעקב איז אוועק. שבזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה. יצא משם, ווען דער צדיק גייט אוועק פון די שטאט, פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה. ווילאנג דער צדיק געפונט זיך אין די שטאט, איז ער דער פראכט פון די שטאט, ער איז די הודה, ער איז דער זיו פון די שטאט. עס איז נישט נאר וואס ער אליין איז א צדיק פאר זיך, עס לאזט איבער א רושם אויף אלע ארום און ארום. די שיין פון אים, שיינט ארויף אויף אלע. דער וואס שטייט נעבן אים ביים דאווענען, דאווענט אנדערש. ווער עס שטייט נעבן אים ביים לערנען, לערנט אנדערש. ווען דער צדיק פעלט, איז עס נישט די זעלבע, עס לאזט איבער א רושם אויף די גאנצע שטאט.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אברהם אבינו איז אויך אוועקגעגאנגען פון זיין שטאט, לך לך מארצך וממולדתך ובית אביך (שם יב-א), און דארט שטייט נישט ויצא אברם, נאר וילך אברם. אז די תורה וויל מרמז זיין, אז ווען א צדיק גייט אוועק פון א פלאץ לאזט עס איבער א רושם, פארוואס שטייט עס נישט בשעת אברהם אבינו איז אוועקגעגאנגען, אז עס האט איבערגעלאזט א רושם.

**עס** שטייט אין מפרשים, אז עס ווענדט זיך ווי דער צדיק שטייט איין. א צדיק וואס שטייט איין צווישן ערליכע יודען וואס טוען שעצן דעם צדיק, זיי וויסן וואס א צדיק מיינט, זיי ווייסן וואס פאר א זכיה זיי האבן אז זיי קענען זיין מיט דעם צדיק צוזאמען. ער איז טאקע דער הוד פון די שטאט, און ווען ער גייט אוועק, איז פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה. אבער א צדיק וואס געפונט זיך אין א פלאץ וואס מען טוט אים נישט שעצן, מען טוט אים נישט אנערקענען, עס איז נישט קיין גרויסע נפקא מינה פאר די שטאט צו ער איז יא דארט צו ער איז נישט דארט, דארט לאזט נישט איבער קיין רושם ווען דער צדיק גייט אוועק.

**אברהם** אבינו איז געזעסן איין צדיק אליין צווישן עובדי עבודה זרה, זיין טאטע תרח און די וואס זענען געווען אזוי ווי תרח. מען האט נישט געמאכט קיין עסק צו אברהם געפונט זיך דארט, עס האט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, מען האט אים געהאלטן אז ער איז גאר פאנאטיש, פון פארצייטנס, ער דינט דעם אייבערשטען. ווען ער איז אוועקגעגאנגען, איז מען פטור געווארן פונעם צדיק, ער מוטשעט שוין נישט, דאס מאכט נישט קיין רושם. יעקב אבינו איז געזעסן אין בית המדרש פון שם ועבר, ער איז געזעסן אין א שטוב פון א הייליגן יצחק, פון א רבקה, זיי האבן געוואוסט וואס דאס מיינט דער צדיק וואס איז א איש תם יושב אהלים, זיי האבן געקענט שעצן דעם צדיק. ווילאנג יעקב אבינו איז געווען דארטן, איז ער געווען דער הודה פון די שטאט. ווען יעקב איז אוועקגעגאנגען, זאגט די תורה, ויצא יעקב, עס האט איבערגעלאזט א רושם, יעקב איז מער נישט דארט. - א רב, א צדיק וואס געפונט זיך אין א קהל וואס ווייסט צו שעצן דעם צדיק, איז בזמן שהצדיק בעיר, ווען דער צדיק איז דא, איז ער הודה און זיוה און הדרה. און ווען ער גייט אוועק, שפירט זיך אז מען האט פארלוירן די פראכט וואס איז געווען אין בית המדרש.

*

**אין** די מפרשים שטייט נאך שטערקער. יעקב איז טאקע אוועק געגאנגען, אבער יצחק איז דאך געבליבן, איז דאך געבליבן א צדיק אין די שטאט. יעקב אבינו איז געזעסן אין בית המדרש פון שם ועבר, איז דאך געווען נאך צדיקים וואס זענען געווען אזוי ווי ער. עס האט זיך טאקע געשפירט אז יעקב פעלט, אבער קען מען דען זאגן אז עס איז פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה. עס בלייבט דאך איבער א יצחק מיט א רבקה, פארוואס זאגט מען אז עס איז אוועקגעגאנגען דער הוד פון די שטאט.

**נאר** יעדער צדיק האט א געוויסע מדריגה אין זיך, און א געוויסע שיינקייט, וואס מיט דעם שיינט ער ארויס מער ווי אלע אנדערע ארום. עס קענען זיין מערערע צדיקים אין איין מקום, יעדער צדיק האט זיין דרך אין עבודת ה', זיין עבודה ווי אזוי ער דינט דעם אייבערשטען. און די שיינקייט און די פראכט וואס איין צדיק האט, האט נישט דער צווייטער. און וואס דער צווייטער האט, איז נישט דא ביי דעם דריטן. פון יעדן איינעם קען מען אראפלערנען א געוויסע נקודה וואס מיט דעם שיינט ער ארויס מער ווי א אנדערער.

**אברהם** יצחק און יעקב, די שלשה אבות, זענען אלע געווען הייליג. און מען קען נישט שעצן ווער עס איז קלענער און ווער עס איז גרעסער, אבער די עבודה פון די דריי אבות איז געווען דריי סארט עבודות. אברהם איז מדת החסד, אברהם אבינו האט זיך אפגעגעבן מיט ויטע אשל בבאר שבע. יצחק, איז די בחינה פון עבודה, ער האט זיך געברענגט פאר א עולה תמימה פארן אייבערשטען. יעקב איז געווען דער עמוד התורה, איש תם יושב אהלים. אברהם איז חסד, יצחק איז עבודה, און יעקב איז דער עמוד התורה. וואס אברהם אבינו האט פארמאגט, איז נישט געווען ביי יעקב. און וואס יעקב האט געהאט, איז נישט געווען ביי יצחק. יעדער צדיק האט זיין אייגענע פראכט און זיין אייגענע שיינקייט מיט וואס ער שטייט ארויס מער פון א צווייטן. עס קען זיין א בית המדרש פון א עיר מלאה חכמים וסופרים, וואס עס איז נאך געבליבן ערליכע יודען אין דעם מקום, עס איז נאך געבליבן דערהויבענע יודען אין דעם מקום, אבער דער פראכט וואס דער צדיק האט געהאט, דאס איז נישט דא. ווייל יעדער צדיק האט אן אנדערע מין שיין אין זיך, וואס א צווייטער האט נישט.

**וואס** בעיקר האט עס בולט געווען ביי דעם רב זכרונו לברכה, זיין אמת'דיגע צדקות, לא כחל ולא שרק, ער האט נישט געמאכט אן אנשטעל, זיך פירן איינמאל אזוי און איינמאל אנדערש. עס איז אלץ געווען די זעלבע הנהגה, די זעלבע שיינקייט, די זעלבע ענוה און שפלות רוח. מיט וועם ער האט גערעדט, און וואו ער איז געשטאנען, איז זיין שיינקייט געווען עקסטער פאר זיך. און ווען עס איז יצא צדיק מן העיר, מעגן בלייבן אנדערע צדיקים אויך אין שטאט, אבער עס איז פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה. - הרב אייכלער איז נישט דא נאר איינס. די שיינקייט וואס ער האט געהאט, דאס איז איינס, און דאס איז נישט געבליבן נאכדעם.

*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה (שמות לג-ז), די תורה פארציילט אויף משה רבינו, אז נאכדעם וואס יודען האבן געזינדיגט ביים חטא העגל, האט משה רבינו געזאגט, מנודה לרב מנודה לתלמיד, ער גייט נישט בלייבן דא צוזאמען מיט יודען אינאיינעם, ומשה יקח את האהל, ונטה לו מחוץ למחנה, משה רבינו האט גענומען זיין אוהל, און ער איז ארויסגעגאנגען אויסער די מחנה, וקרא לו אהל מועד, און ער האט גערופן זיין פלאץ אז דאס איז א אהל מועד. רש"י טייטשט דאס איז א געצעלט, א בית וועד למבקשי תורה. איינער וואס זוכט תורה, קום ארויס אויסער די שטאט, און דארט וועסטו טרעפן משה רבינו. והיה כל מבקש ה' יצא אל אוהל מועד אשר מחוץ למחנה, איינער וואס איז געווען א מבקש ה', איז ער ארויסגעגאנגען צו משה רבינו אין אהל מועד.

**ברענגט** צו רש"י, און עס איז א חז"ל (תנחומא כז), וואס איז טייטש כל מבקש ה'. איינער וואס האט געזוכט תורה, ער האט געזוכט משה, איז ער ארויסגעגאנגען צום אהל מועד. וואס איז טייטש ער האט געזוכט דעם אייבערשטען? מכאן למבקש פני זקן כמקבל פני שכינה. ווען מען איז ארויסגעגאנגען צו משה רבינו, מען האט געוואלט זעהן משה, זאגט די תורה, דאס איז איינער וואס איז א מבקש ה'. ער איז געגאנגען מקבל זיין פני זקן, איז כאילו ער איז געגאנגען מקבל זיין פני השכינה. און רש"י ברענגט צו נאך מער, והיה 'כל' מבקש ה', אפילו מלאכי השרת כשהיו שואלים מקום שכינה, מלאכים אין הימל ווען זיי האבן געפרעגט וואו מען קען טרעפן די שכינה, חבריהם אומרים להם, האבן די חברים געזאגט, הרי הוא באהלה של משה. כל מבקש ה', דו זוכסט דעם אייבערשטען, וועסטו געפונען ביי משה רבינו.

**והיה** כצאת משה אל האהל, ווען משה רבינו האט איבערגעלאזט די מחנה, ער איז ארויסגעגאנגען צום אהל, יקומו כל העם, האט זיך יעדער אויפגעשטעלט, ונצבו, און מען איז געשטאנען, איש פתח אהלו. רש"י זאגט, אז מען האט זיך נישט אראפגעזעצט ווילאנג מען האט געקענט זעהן משה רבינו. והביטו אחרי משה עד בואו האהלה, מען האט נאכגעקוקט נאך משה רבינו, ביז ער איז אנגעקומען אין זיין געצעלט. ווען ער איז אנגעקומען אין זיין געצעלט, איז דער עמוד הענן אראפגעקומען אויפן אהל, ודבר עם משה, וקם כל העם והשתחוו איש פתח אהלו, יעדער האט זיך געבוקט צום פתח האהל פון משה.

**אין** די גמרא (קידושין לג:) שטייט, וואס איז דער והביטו אחרי משה, מען האט נאכגעקוקט משה רבינו. זאגט די גמרא איין פשט, לגנאי. דער גרויסער

משה רבינו האט געהאט מתנגדים, דער גרויסער משה רבינו האט געהאט אזעלכע וואס האבן געזוכט קריטיק אויף אים, וואס מען קען טרעפן אויף אים. און אז מען זוכט טרעפט מען, [מען מיינט אז מען טרעפט], עס איז געווען וואס מען האט זיך אפגערעדט אויף משה רבינו. אזוי ווייט, אז די גמרא אויפן פלאץ, וויל אפילו נישט זאגן וואס מען האט געזאגט אויף משה רבינו. עס שטייט נאר אייןווארט, כדאיתא, אזוי ווי עס שטייט ערגעץ אנדערש וואס מען האט געזאגט. רש"י זאגט, אז די גמרא האט אפילו נישט געוואלט ארויסברענגען וואס מען האט גערעדט אויף משה רבינו, חזו שוקיו כמה עבין, וכדומה. אזוי ווייט האט די גמרא חס געווען אויף וואס מען האט אלץ געזאגט אויף משה רבינו. דאס איז איין פשט.

**נאכדעם** איז דא די גמרא, וואס רש"י ברענגט צו, והביטו אחרי משה, לשבח. מענטשן האבן געזאגט, אשרי ילוד אשה שכך מובטח, גליקליך איז א ילוד אשה, אז ער איז זוכה שהשכינה תכנס אחריו לפתח אהלו. ער גייט אריין אין שטוב, און דער עמוד הענן קומט אראפ. מען האט נאכגעקוקט משה רבינו'ס גרויסקייט. און דער לשון אין די גמרא (שקלים ה-ב) איז, והביטו אחרי משה לשבח, זיי האבן געזאגט 'מחמי צדיקיא', עס איז א ענין נאכצוקוקן א צדיק, נאכצוקוקן זיינע וועגן. 'ומזכי', און עס ברענגט א זכות. עס טוט אויפהייבן דעם מענטש ווען ער קוקט נאך דעם צדיק.

**משה** רבינו פון איין זייט האט אים נישט יעדער איינער מקבל געווען אויף זיך, עס איז געווען והביטו אחרי משה לגנאי, אבער פון די אנדערע זייט איז געווען והביטו אחרי משה, דער וואס האט פארשטאנען, ער האט געוואוסט וואס משה רבינו מיינט, ער האט נאכגעקוקט משה רבינו. נישט נאר זיך אראפצולערנען פון זיינע מעשים, נאר מחמי צדיקיא, קוקן ווי אזוי א ערליכער יוד זעהט אויס, אפילו ער רעדט נישט, ער זאגט נישט קיין דרשה, ער זאגט נישט פאר איינעם וואס מען זאל טון, ער איז נישט קיין מורה דרך, נאר ער געפונט זיך אין בית המדרש, און מען קוקט אן דעם יוד ווי אזוי זיין עבודת ה' איז, מזכי, דאס איז מזכי דעם צווייטן, דאס ברענגט אריין א הזדככות אין דעם מענטש נאכצוקוקן פון די מעשים וואס מען קען זיך לערנען.

**די** עבודה פון א צדיק איז נישט נאר דאס אז ער לערנט מיט אנדערע, נאר ער איז א מוסטער פאר אנדערע. ווען מען קוקט אים אן, און מען זעהט ווי אזוי ער פירט זיך, עס איז אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, דערקענט זיך ארויס זיין גרויסקייט. און דאס איז דער והביטו אחרי משה עד בואו האהלה, נאכקוקן נאך משה רבינו. דער פסוק זאגט אבער והביטו אחרי משה 'עד' בואו האהלה, מען האט אים נאכגעקוקט ביז ער איז אריינגעגאנגען אין זיין אוהל.

**אין** די גמרא (שבת פח.) שטייט, אז פאר דעם שטייט (שמות לג-ז) ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה, משה רבינו האט גענומען דעם אהל, און ער איז ארויס חוץ למחנה. וואס איז טייטש ומשה יקח את האהל. זאגט די גמרא איין פשט, אז בשעת יודען זענען געווען ביים בארג סיני, און זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע, האט יעדער יוד באקומען צוויי קרוינען, איינס אקעגן נעשה און איינס אקעגן נשמע. וואס זענען געווען די קרוינען? קירון מזיו השכינה, כביכול דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט פון זיין שיין, יעדער יוד האט געלאכטן פון נעשה ונשמע. ווען יודען האבן געזינדיגט ביים חטא העגל, ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב, איז אוועקגעגאנגען דער שיין וואס יודען האבן געהאט. וכולן זכה משה ונטלן, אלע קרוינען האט משה רבינו צוגענומען. משה רבינו האט צוגענומען דאס ליכטיגקייט פון ששים ריבוא יודען, והוא היה קירון אור פניו זאגט רש"י, וואס משה רבינו'ס פנים האט געלאכטן, דאס האט זיך גענומען פון די ליכטיגקייט וואס יודען האבן געהאט. עס איז נאר געווען צוטיילט אויף ששים ריבוא חלקים, יעצט איז זיך צוזאמגעקומען אלעס אין משה רבינו.

**פון** וואו נעם איך אז משה רבינו האט באקומען די אלע קרוינען? דרשנ'ט די גמרא, ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב (שמות לג-ו), יודען האבן זיך אויסגעליידיגט פון די עדים וואס זיי האבן געהאט פון הר חורב, דאס איז די שני כתרים. ומשה יקח את האהל, טייטשט רש"י, אז 'אהל' דאס איז ליכטיגקייט, בהילו נרו עלי ראשי (איוב כט-ג). ומשה יקח, און משה רבינו האט צוגענומען, את האהל, די גאנצע ליכטיגקייט וואס כלל ישראל האט געהאט איז ארויפגעגאנגען אויף משה רבינו, און יעדער האט

געזעהן אז עס איז קרן אור פני משה. פני משה כפני חמה (בבא בתרא עה.), מען האט זיך נישט געקענט דינגען דערויף. אפילו די וואס זענען געווען והביטו אחרי משה לגנאי, האבן נישט געקענט אוועקנעמען אז משה רבינו'ס צורה איז כפני חמה. יעדער האט געזעהן אז עס איז קרן אור פניו. ווער האט נישט געזעהן אז עס איז קרן אור פניו, ומשה לא ידע כי קרן אור פניו. משה רבינו דער עניו מאד מכל האדם. די גאנצע שטאט זעהט אז משה רבינו'ס פנים לייכט, און משה רבינו ווייסט פון גארנישט, ער ווייסט נישט כי קרן אור פניו. זיין ענוה איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט אפילו נישט אויפגעפאסט אויף דעם אז ער האט צוגענומען אלע ליכטיגקייטן וואס כלל ישראל האט געהאט.

**דאס** איז א מנהיג, א צדיק, וואס יעדער קען זעהן אז עס איז קרן אור פניו, יעדער קען זעהן ווי אזוי ער פירט זיך, און ווי אזוי ער דינט דעם אייבערשטען, אבער משה אליין, לא ידע כי קרן אור פניו. ידע איז א לשון פון חיבור, א לשון פון דביקות. ער איז נישט צוגעקלעבט געווארן צו דעם קרן אור פניו, ער האט אפשר געוואוסט אז עס איז קרן אור פניו, ער האט דאך געדארפט לייגן א מסוה שפעטער, אבער ער זאל האבן עפעס א שייכות, און עס זאל אים משנה זיין זיין מהות, ווייל עס איז קרן אור פניו, זאגט די תורה, משה רבינו לא ידע כי קרן אור פניו.

**אבער** על כל פנים יודען האבן זיך אראפגעלערנט פון משה רבינו, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. נאכן זיך אראפלערנען פון משה רבינו ווי אזוי זיך צו פירן, ווען מען קוקט אן משה רבינו א איש אלקים גייט ארויף אין הימל, און ער קומט אראפ פון הימל, ער רעדט צום אייבערשטען, מיר זענען אזוי ווייט פון דעם, וואס איז נאך שייך צו לערנען פון משה רבינו. מיר זענען אזוי ווייט פון א צדיק אסאך מאל, אז מיר טראכטן נישט אז אונז וויל מיר גיין נאך זיינע מעשים, אונז וועל מיר אים נאכטון.

**אז** מען קוקט אויף א צדיק, קוקט מען נישט נאר ווי אזוי ער קוקט אויס יעצט, מען דארף קוקן ווי אזוי ער איז צוגעקומען דערצו, וואס האט אים צוגעברענגט דערצו אז ער איז געווארן אזוי גרויס. די עבודה וואס דער צדיק האט אין זיינע יונגע יארן, וואס ער צוברעכט זיך אויף תורה, און דינט דעם אייבערשטען ווען קיינער ווייסט נישט, און קיינער זעהט נישט, דאס קומט ארויס ברבות הימים, אז מען זעהט שפעטער, אז דער צדיק איז קרן אור פניו.

**איך** האב געקענט דעם רב זכרונו לברכה אויף די עלטער, איך האב אים שוין געקענט ווען עס איז געווען קרן אור פניו, עס האט שוין געלאכטן. אבער וויפיל עבודה איז אדורכגעגאנגען ביז מען איז צוגעקומען צו דעם קרן אור פניו. די יונגע יארן וואס מען האט געהאט, ווען מען האט זיך ממית געווען באהלה של תורה, ווען מען האט געוואוינט אין ירושלים, און מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, און מען איז געזעסן און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטען. וויפיל מען האט זיך אפגעגעבן מיט לערנען תורה מיט יודישע קינדער, און אריינלייגן אין די בחורים אהבת התורה, ווי מען האט פרייער ארויסגעברענגט. דאס אלעס קומט דורך א הקדמה, אז מען זאל קענען צוקומען, צו וואס מען איז צוגעקומען.

**אז** מען וויל קוקן אויף משה רבינו, און נאכגיין נאך משה, הייבט מען נישט אן צו קוקן ווי אזוי ער קוקט יעצט אויס ביי די אכציג יאר, בשעת ער האט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטען. נאר וואס עס האט זיך אפגעטון מיט משה רבינו אלע יארן ביז אהער. משה רבינו איז געווען אין מצרים, ער איז נאך געווען א יונג בחור'ל, לויט איין דעה, ווען ער האט איבערגעלאזט טאטע, מאמע, ברודער, שוועסטער, און גאנץ כלל ישראל, און ער האט געמוזט אנטלויפן, ער איז געגאנגען וואוינען צווישן גוים ביז די אכציג יאר! ער האט נישט געהאט קיינעם וואס זאל אים געבן א ווארט חיזוק, א ווארט עידוד, ער האט נישט געהאט איינעם וואס ער דארף זיך צו שעמען אוועקצוגיין פון דרכי התורה, קיינער וואלט אים נישט פארגעהאלטן וואס ער טוט, און ער איז אויסגעוואקסן א משה רבינו. ביי די אכציג יאר האט דער אייבערשטער זיך מגלה געווען צו אים, דער אייבערשטער איז זיך נישט מגלה סתם צו איינעם ביי די אכציג יאר, דא איז געלעגן אן עבודה פון אכציג יאר ביז דער אייבערשטער האט זיך מתגלה געווען צו אים.

**און** ווען א יוד וויל נאכגיין, צוקומען צו די מדריגה פון משה רבינו, איז נישט גענוג צו קוקן ווי אזוי

משה רבינו זעהט יעצט אויס ווען עס איז קרן אור פניו, נאר קוק ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט עד בואו האהלה, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם ומשה יקח את האהל, אז ער האט געלאכטן. זאגט די תורה והביטו אחרי משה, מען האט נאכגעקוקט אויף משה רבינו, נישט דאס וואס ער איז יעצט, נאר מען האט נאכגעקוקט עד בואו האהלה, ווי אזוי האט דער משה רבינו זיך אויפגעפירט אז ער איז צוגעקומען צו די מדריגה אז עס זאל זיין קרן אור פניו, דאס נעמט זיך נישט פון עסן און פון טרינקען און שלאפן, דאס נעמט זיך פון עבודת ה'. ערליכע עבודת ה', וואס קיינער האט נישט געזעהן, הצנע לכת וואו משה רבינו האט זיך געפירט די אלע יארן וואס קיינער האט נישט געוויסט פון אים. מען האט נישט געזעהן זיין עבודה, און ער האט נישט געהאט פאר קיינעם ארויסצווייזן, און ער האט געדינט דעם אייבערשטען, דאס האבן יודען נאכגעקוקט והביטו אחרי משה, זיי האבן נאכגעקוקט עד בואו האהלה.

**מען** האט געזאגט מחמי צדיקיא ומזכי, נישט מען זאל זיין אזוי ווי דער צדיק יעצט ווען עס איז קרן אור פניו, נאר וואס האט זיך אפגעטון עד בואו, ביז ער קומט אן צו דעם אוהל, דאס דארף מען פרובירן נאכצוטון. זיך ממית זיין באהלה של תורה, לערנען דאווענען, טון מצות און מעשים טובים. כל המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימה מעושר (אבות ד-ט), סוף הכבוד לבוא (נדרים סב.), נאכדעם וואקסט מען אויס אזא גדול ווי דער רב ז"ל איז אויסגעוואקסן. זיין ענוה זיין שפלות רוח איז געווען אין לשער, די התבטלות וואס ער האט געהאט פאר יעדן ערליכן יוד, איז געווען אויף א געוואלדיגן פארנעם, איך האב עס נאר געזעהן א קורצע צייט, אבער די וואס זענען דא געווען האבן דאך מן הסתם געזעהן דאס טאג טעגליך.

*

**מענין** לענין וועל איך פארציילן א זאך פונעם **באיאנער רבי זצ"ל**. איך האב געהאט די זכיה כמה פעמים צו זיין ביי אים. בדרך כלל, איינמאל אין יאר, חנוכה, פלעג איך צו גיין צו די חנוכה ליכט. בדרך כלל איז דאס געווען סוף פון חנוכה, ראש חודש טבת, מען האט נאכדעם געגעבן לעקיך און בראנפען ביים טיש.

**עס** איז געווען ביי אונז אין די משפחה א קרוב הרב אהרן ארי' כ"ץ ז"ל, ער האט געהאט א בית המדרש אין פלעטבוש, דער רב פון בית אהרן. און ער האט געמאכט א ברית ביי א קינד. עס איז געווען א ברית וואס עס זענען געווען דארטן כמה גדולי ישראל. אין יענע צייטן, מען רעדט פון בערך זעכציג יאר צוריק, זענען געווען כמה גדולי ישראל, ובתוכם איז געווען ביי דעם ברית דער **באיאנער רבי זצ"ל**, און דער **קאפישניצער רבי**. ווען עס איז געקומען צו די כיבודים, מכבד צו זיין ווי עס פאסט זיך, האט ער מכבד געווען דעם באיאנער רבי צו זאגן די ברכות נאכן ברית, און דעם קאפישניצער רבי'ן האט מען מכבד געווען מיט קריאת השם. דער באיאנער רבי האט גענומען דעם כוס, און ווען ער האט געענדיגט די ברכה כורת הברית, נעמט ער דעם כוס און ער גיט עס איבער פארן קאפישניצער רבי, ער זאל זאגן ווייטער קריאת השם. ווייזט דער קאפישניצער רבי, אז ער זאל ממשיך זיין און ער זאל געבן דעם נאמען. ער האט זיך נישט געדינגען קיין סאך, און ער האט א נאמען געגעבן.

**נאכן** ברית גייט צו מיין קרוב, דער אבי הבן, צום קאפישניצער רבי, און ער זאגט אים, דער רבי האט מיך פארשעמט. דער רבי איז געקומען דא, איך האב אים געוואלט מכבד זיין מיט א כיבוד, און איך האב מכבד געווען מיט קריאת השם, דער רבי האט עס נישט אנגענומען, און עס אוועקגעגעבן פאר'ן באיאנער רבי'ן, עס קומט אויס, אז מען וועט זאגן אויף מיר, אז איך האב נישט מכבד געווען ווי עס דארף צו זיין.

**האט** אים דער קאפישניצער רבי ז"ל געענטפערט: ווען איך קום אויף א פלאץ, און מען איז מיך מכבד צו זאגן א ברכה, נעם איך עס אן. ווייל פאר וועם זאג איך א ברכה? פארן רבונו של עולם. אפזאגן פון צו זאגן א ברכה פארן אייבערשטען קען איך נישט אפזאגן, מוז איך זאגן. קריאת השם, זאגט ער, דאס איז שוין נישט קיין ברכה, דאס איז א כיבוד. און כבוד, האט ער זיך אנגעכאפט די ווייסע בארד, זיצן אויף א פלאץ און גיין נעמען כבוד, אויף דעם בין איך שוין נישט דערביי. האט ער געהייסן אז דער באיאנער רבי זאל עס ענדיגן. - די צדקות ווי אזוי א ערליכער יוד האט אויסגעקוקט. א כיבוד צו זאגן א ברכה יא, א ברכה פארן אייבערשטען דאס קען מען

נישט אפזאגן, אבער כבוד, ער האט זיך אנגעכאפט די ווייסע בארד. אונז קען מיר האבן א ווייסע בארד און אויך נעמען כבוד, אבער דער קאפישניצער רבי ז"ל האט נישט געקענט נעמען.

**דאס** איז געווען די מוסטער פונעם רב זכרונו לברכה. וואס ועל כולם, איבער אלע זיינע מעלות וואס ער האט געהאט, האט ארויסגעשיינט פון אים זיין ענוה און שפלות רוח. ער וועט אוודאי זיין א מליץ יושר פאר די חשוב'ע רביצין, וואס זי האט אזוי אויסערגעווענליך געטריי באדינט דעם רב. דער רב האט איבערגעלאזט קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, און פאר די גאנצע קהלה הקדושה. עס איז פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה, ווי מען האט פריער גערעדט, די געוויסע שיינקייט וואס דער רב ז"ל האט געהאט, דאס איז צוגענומען געווארן פון אונז, און מען קען עס אפילו נישט איבערנעמען. אזא סארט יוד קומט נישט נאך אין די היינטיגע דורות וואס זאל עס קענען ערזעצן. אבער אונזער עבודה איז, והביטו אחרי משה עד בואו האהלה, זיך אראפלערנען, גיין אין די דרכים וואס ער האט אונז געלערנט. וואס ער האט געלערנט מיטן זאגן, און וואס ער האט געלערנט אן זאגן, די אלע דרכים זאל מען קענען ווייטער אנהאלטן. וועט ער זיין א מליץ יושר פאר אונז, און פאר די גאנצע קהל, און פארן גאנצן כלל ישראל. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **נחמיה פייערווערקער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת כי תשא***

בשעות לפני הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת אקערמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **נחום דוב אקערמאן** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב נערכה החתונה הגדולה של נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, החתן הרב **יוסף ראזנער** שליט"א, בן חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי (בן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי דוב ארי' פאללאק שליט"א** (ר"מ בישיבת באבוב ב"ב), שהתקיים באולם עטרת אברהם.

בשעות אחר הצהרים קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בזכרון קודש בעידן חדוותא.

בשעה שבע לפנות ערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים שליט"א להקבלת פנים שנערכה במעמד רבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימו בניגוני התעוררות. - אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה נשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן על ידי הר"ר **יוסף הערש שווארץ** הי"ו בהתעוררות רב, לעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם. אחר הקבלת פנים הלך **רבינו שליט"א** עם החתן לבאדעקן. - אחר לבישת הקיטל ושימת האפר על ראש החתן, בירך **רבינו שליט"א** את החתן בשימת ידיו על ראשו כנהוג.

מעמד החופה התקיימה ברגשי קודש. אחר שניגנו ניגוני התעוררות עתיקים, נתכבד סב החתן **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** בסידור קידושין. בקריאת הכתובה נתכבד **הרה"ג רבי פנחס שלום אייכענשטיין שליט"א** אב"ד חודרוב (מחותן מצד החתן). בברכות הראשונות נתכבד **כ"ק רבינו שליט"א**, בברכת שוש תשיש כיבד **רבינו שליט"א כ"ק האדמו"ר מסקולען מאנסי שליט"א**. בברכת שמח תשמח כיבד **רבינו שליט"א הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א**. בברכה אחריתא נתכבד **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ וומסב"ג שליט"א**. - עם סיום החופה בירך **רבינו שליט"א** את כל הנאספים בברכת הקודש, ויצאו כל הקהל בריקוד ובשירה וזמרה.

כשעה אחר החופה הופיע **כ"ק רבינו שליט"א** בהדרת קדשו לאולם החתונה שהיתה גדוש בקהל המונים תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים, ונטל ידיו לסעודת החתונה.

במשך החתונה הגיעו אדמורי"ם ורבנים שליט"א להשתתף בשמחה הגדולה, ומאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה עברו לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'שמן ראש'** (חלק אחד עשר על סדר שמות - נדבת לבו של ידידנו הנה"ח הר"ר **יעקב חיים** כ"ץ הי"ו, ובניו שיחי'), שיצא לאור על ידי **'מכון מעדני מלך'** בהוד ותפארת לרוות הצמאים לדבר ה'.

מה נהדר היה המראה בעת שירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, וערך ריקודין נלהבים עם החתן והמחותנים שליט"א ויוצ"ח, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** כאשר קהל אנשי שלומינו מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות, שנמשך למשך שעה ארוכה.

בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א.** בשבע ברכות נתכבדו: **הגה"צ אב"ד חוג חתם סופר פ"ת שליט"א, הגה"צ אב"ד חליסה שליט"א, הרב פישל פאללאק שליט"א, הרה"ג רבי נפתלי גאלדברענער שליט"א** (מחותן מצד הכלה), **הרה"ג רבי יששכר ראזנער שליט"א.** בברכה אחריתא נתכבד **הגה"צ אב"ד לימנוב שליט"א.**

אחר אמירת השבע ברכות פתח הרב **פייוויל קליין** שליט"א בדברי חרוזים, וקרא את סב החתן **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** לרקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ, ובחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות אבותיו הק' שעל ידם יושפע ישועות בכלל ובפרט. – אחר שתיית לחיים, ירד **רבינו שליט"א** לרחבת האולם למצוה טאנץ, בעת שקהל הקודש משוררים ברגש ניגון 'שימני כחותם על לבך'.

מילים לא יוכלו לתאר רוממות הנפשות, בעת שרקד **רבינו שליט"א** ה'מצוה טאנץ' לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לרנן לקל חי. אחר הריקודין לפני הכלה, יצא **רבינו שליט"א** בריקוד עם החתן שליט"א, ועם חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' שליט"א** אבי החתן, ואחר כך בריקוד עם בניו שליט"א לפני הכלה, ובהמשך גם בריקוד מיוחד 'זרעא חיא וקיימא' עם כל נכדיו, בעוד שבין הפרקים ממשיך בריקודין במחול סביבות חלל ההיכל בדביקות עילאה ובלהט אש, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ של קרובי המשפחה והמחותנים שליט"א. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעות לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום חמישי פרשת כי תשא***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אשר צבי ווייס** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **צבי אלימלך גרינפעלד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמעון אליעזר אסובסקי** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו החתן שליט"א, שהתקיים על ידי הסב **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** באולם שע"י בית מדרשו.

*

***ערב שבת פרשת כי תשא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **אהרן משה רפאל לייפער** שליט"א (חתן הרה"ג רבי אהרן זילברשטיין שליט"א דומ"ץ צעהלים), שהתקיים בבית המדרש צעהלים.

*

***שבת קודש פרשת כי תשא***

**רבינו שליט"א** הגיע לשבות את שבתו בעיר מאנסי, לקראת השבע ברכות של נכדו **הרב יוסף ראזנער שליט"א.**

תפלות שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו תפארת יהושע, וסעודות שבת קודש נערכו באולם ישיבת ויזניץ. אחר סעודת ליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע, והשמיע דברי תורה לכבוד השמחה.

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** במקהלות עם רב אנשי שלומינו בבית מדרשנו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

במוצאי שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שבע ברכות רבתי שנערכה על ידי קהלתנו הק' במאנסי, והתקיימה בבית מדרשנו במעמד עם רב, ובהשתתפות רבני העיר שליט"א. במשך שמחת השבע ברכות נאמו **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי, והרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א. דברי בדחנות נשמעו מאת הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

אחר השבע ברכות עבר **רבינו שליט"א** לבית חדב"ן **הרה"ג רבי יואל וייסמאנדל שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א) למסיבת לחיים לרגל האירוסין של נכדתו הכלה תחי', עב"ג החתן **משה יעקב** נ"ו בן **הרה"ג רבי ישראל פינטער שליט"א** (בן הגה"צ רבי אברהם פינטער זצ"ל אב"ד בוקאווסק (לאנדאן), חתן הגה"צ רבי יחיאל גריינוואלד זצ"ל אב"ד טעטש).

**רבינו שליט"א** שתה לחיים, ואיחל מברכותיו למחותנו **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, ולבעלי השמחה. המחותן **הרה"ג רבי יואל שליט"א** נשא מדברותיו בשבח והודאה להשי"ת שהגיענו עד הלום. אחר כך השמיע דברים הרה"ג רבי **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א אב"ד טעטש, והעלה גודל הקשר של אבות החתן והכלה זצ"ל משנות קדם.